בס״ד

# עונג שבת

## פרשת פינחס תשס״ד

**גוט שבת אלע אידן.** דער מנהל פון דעם מוסד יסודי התורה אין מאנטשעסטער, ענגלאנד הייסט ר׳ יונתן יודייקען (זיין עכטע נאמען). ר׳ יונתן האט אסאך איבערלעבונג (עקספיריענס) אין חינוך. וועגן דעם רופט מען אים אסאך מאל צו קומען רעדן פאר פארשידענע חינוך מוסדות ארום די אידישע וועלט.

עטליכע יארן צוריק, האט א געוויסע מוסד אין מעלבאורן, אויסטראליע גערופן ר׳ יונתן צו קומען רעדן צו זייער מוסד בענייני יסודות אין חינוך. עס איז א לאנגע נסיעה קיין אויסטראליע, דעמאלט האט עס געקענט נעמען מער ווי 20 שעה מיט א עראפלאן! דעמאלט איז אויך נישט געווען קיין גלייכע פלייט פון ענגלאנד ביז אויסטראליע. צוליב דעם האט דער פליגער געדארפט מאכן עטליכע סטאפס אויפן וועג. דער ערשטער סטאפ איז געווען אין בראסעלס, בעלגיע, וואו ר׳ יונתן האט געדארפט טוישן עראפלאנען.

איין זונטאג אינדערפרי איז ר׳ יונתן ארויסגעפארן. דאס וועטער איז געווען מורא׳דיג שווער, דער פליגער האט געטאנצט ארויף און אראפ פון די שטארקע ווינטען. דאס וועטער איז געווען אזוי שלעכט אז ווען דער עראפלאן איז אראפגעקומען אין שטאט בראסעלס, האט עס געדארפט בלייבן אויפן ״ראנוויע,״ ביז דאס וועטער וועט זיין בעסער. אלע מענטשן האבן געדארפט זיצן אויפן עראפלאן ווייל דער עראפלאן האט נישט געקענט פארקען. ב״ה אז ר׳ יונתן האט מיטגעברענגט אביסל עסן, ווייל כאטש ער האט עס באשטעלט, האט מען נישט געהאט כשרע עסן פאר אים אויפן עראפלאן. אכט שעה שפעטער האבן די מענטשן געקענט סוף כל סוף אראפגיין פונעם עראפלאן.

דאן האט ר׳ יונתן געדארפט כאפן דעם נעקסטע פליגער קיין סינגאפור, וואס ליגט לעבן טשיינע אויפן וועג קיין אויסטראליע. ער איז געגאנגען צו דעם נעקסטען פלייט אבער זיי האבן אים געזאגט אז דאס וועטער האט גורם געווען א אפהאלט פון 20 שעה! צוליב דעם שווערן וועטער, האט ער נישט געקענט פארלאזן דעם ערפארט צו גיין דאווענען און קויפן עסן. באין ברירה האט ער געדארפט בלייבן ווארטען אין דעם ערפארט. ער האט שוין אויפגעגעסן זיין עסן און עס איז נישט דא געווען קיין כשרע עסן צו פארשאפן אין דעם ערפארט.

ווען ר׳ יונתן איז ארויפגעגאנגען אויף די נעקסטע פלייט, מאנטאג נאכמיטאג, איז ער געווען פארשטייט זיך זייער הונגריג. ער האט אביסל געשמועסט מיט א גויאישן דאקטאר וואס איז געזיצן לעבן אים. רעדן מיט דעם מענטש און לערנען און דאווענען האט אים געהאלפן צו מסיח דעת זיין פון זיין הונגער. ווען זיי זענען ארומגעקומען מיט דעם עסן אויפן קליינעם וואגן, האבן זיי פארגעשלאגען דעם זעלבען עסענווארג פאר ר׳ יונתן, וואס זיי האבן געגעבן פאר אלע אנדערע מענטשן. ליידער האבן זיי נישט געהאט קיין כשרע עסן גרייט פאר אים. עטליכע מאל דורכן פלייט האבן זיי געוואלט געבן עסן פאר ר׳ יונתן אבער פארשטייט זיך אז ער האט נישט טועם געווען נישט קיין ברעקל פון די נבלות און טריפות וואס זיי שטעלן צו אויפן עראפלאנען פאר די גוים. דער גויאישער דאקטאר וואס איז געזיצן לעבן ר׳ יונתן האט אלעס אנגעקוקט מיט גרויס אינטערעס.

פלוצלינג אויפ׳ן לעצטע שטיקל וועג פון סינגאפור קיין מעלבאורן, אויסטראליע, ווען ר׳ יונתן איז שוין געווען שוואך פון הונגער, האט דער דאקטאר אנגעהויבן צו רעדן מיט אים. ״איך האב געוואלט זאגן עפעס צו דיר דעם גאנצן פלייט,״ האט דער דאקטאר געזאגט דרייענדיג זיך צו ר׳ יונתן. ״איך האב נישט געהאט די נערוון ביז יעצט צו זאגן... זעסטו... איך בין אידיש!״ ר׳ יונתן האט אויפגעהויבן זיין ברעמען מיט אן איבערראשונג. ״ווירקלעך?״ האט ר׳ יונתן געפרעגט.

״נאך די מלחמה, האט מיין טאטע מיך אויסדריקלעך געהייסן אז איך זאל קיין מאל נישט פארציילן פאר קיינעם אז איך בין א איד, און איך האב אים געפאלגט. דו ביסט דער ערשטער מענטש צו וועמען איך האב עס פארציילט אין מער ווי פופציג יאר! איך בין קיינמאל נישט געווען אין א שול און איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין שייכות מיט אידישקייט... אבער, איך האב געקוקט אויף דיר דעם גאנצן צייט מיט א פארוואונדערונג. דו האלסט יעצטביים אויסהונגערן! אבער, דו זאגסט אפ יעדע ביסל עסן וואס זיי טון דיר פארשלאגן! פון וואו האסטו אזא מורא׳דיג צוריקהאלטענקייט! וואס מאטיווירט דיך? עס דארף זיין דיין רעליגיע!״

ארויסנעמענדיק א פען מיט א שטיקעל פאפיר, האט דער אידישער דאקטאר אראפגעשריבן זיין נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומער און ער האט עס איבערגעגעבן פאר ר׳ יונתן. ״איך וואוין דא אין מעלבאורן (אויסטראליע) און איך האב שטארק געוואלט לערנען פון דיר מער וועגן אידישקייט. לאמיר זיין בקשר.״ האט דער דאקטאר געענדיגט זאגן.

ב״ה אז די צוויי זענען טאקע געווען בקשר. ר׳ יונתן האט געהערט וועגן דעם דאקטארס ערשטען ראש השנה אין א שול און ווי דער דאקטאר האט געזען זעם שיינקייט פון זיין ערשטען שבת. ״עס איז א לאנגע וועג...״ האט דער דאקטאר געשריבן אין א בריוו פאר ר׳ יונתן. ״אבער, איך בין אויפן וועג צוריק צו מייןווארצלען.״

די מעשה ווייזט אויף די מורא׳דיג געלעגענהייט וואס אידן האבן צו משפיע זיין אויף אנדערע דורך זייער אויפפירונג, בפרט ווען מען פארט אויפן וועג, וואו עס זענען נישט דא אסאך אידן. ווען א פרומער איד פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, מאכט ער א קידוש ה׳, און ער איז משפיע אויף אנדערע צו וועלן ווערן ערליך.

מען ליינט וועגן דעם ענין אין די היינטיגע פרשה מיט די מעשה פון פינחס. פינחס האט מקדש געווען שם שמים דורך זיינע צדקות. דער אייבערשטער האט אים מכבד געווען מיט דער כהונה, ווייל פינחס האט זיך אויפגעפירט ריכטיג און דורך דעם האט ער משפיע געווען אויף אנדערע נישט צו טון עבירות. מען זעט פון דא דעם כח פון מאכן א קידוש ה׳ ברבים.

יעצט איז א גוטע צייט צו רעדן וועגן דעם וויכטיגקייט אין זין צו האבן צו מאכן א קידוש ה׳ ברבים ווען מען פארט אויפן וועג, ווייל אין די לעצטע פאר וואכן זענען אסאך אידן פון אונזערן עולם געפארן אויף די הייליגע נסיעה צו די קברים פון צדיקים. ווייסט מען אז אין די אלע פלעצער זענען נישט דא אסאך אידן. דורך דעם איז דעם געלעגענהייט צו מאכן א קידוש ה׳ נאך שטארקער. ווייל רוב פון יענע גוים האבן קיינמאל נישט געזען קיין אידן אין זייער לעבן. צוליב דעם האט מען דעם געלעגענהייט צו מאכן דעם ״ערשטען איינדרוק״ וואס בלייבט אויף אייביג. ב״ה אז רוב פונעם עולם האט מקדש געווען שם שמים דארט. טאמער מען קען אבער ארבעטן אויף אפאר זאכן, קען מען אפשר נעקסטע מאל מאכן נאך א גרעסערער קידוש ה׳. למשל, מען דארף ספעציעל אכטונג געבען אויף ריינקייט. א גוי זאל נישט זען א אידווארפן מיסט (גארבידזש) אויפן ערד אין זייער שכנישאפט, ווייל דאס איז א שרעקליכע חילול השם. אפילו מען וויל טון תשובה אויף דעם, קען מען נישט צוריקגיין און זוכן יענעם גוי מסביר צו זיין אז אידן זענען באמת ריינע מענטשן.

די מפרשים ברענגען אז דער ענין פון מאכן א קידוש השם מיינט אז מען איז גורם אז מענטשן זאלן ליב האבן דעם אייבערשטען דורך א אידס אויפפירונג. דער אייבערשטער זאל אונז געבען דעם ריכטיגען שכל אויפצופירן ווי עס דארף צו זיין, בפרט אין די פרעמד. ווייל דורך מאכן א קידוש השם קען מען קיינמאל נישט וויסן וואס מען קען אויפטון ביי גוים און להבדיל ביי אידן אויך. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של שאשא מלכה בת גאלדא, ר׳ מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ולר׳ דוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל • לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)